# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### לערנען הלכות פון קטורת באשיצט פון א מגיפה

"וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל אֹהֶל מוֹעֵד וַיֵּצְאוּ וַיְבָרְכוּ אֶת הָעָם וַיֵּרָא כְבוֹד ה' אֶל כָּל הָעָם" (ט כג)

"למה נכנס משה עם אהרן? ללמדו על מעשה הקטרת. דבר אחר... נכנס משה עימו ובקשו רחמים וירדה שכינה לישראל" (רש"י, ע"פ 'תורת כהנים' מכילתא דמילואים יט ל).

זאגט דער **'חתם סופר'** אז די צוויי פירושים וואס רש"י ברענגט גייען צוזאמען:

ווען מ'האט געענדיגט אויפשטעלן די משכן און עס איז געקומען די צייט וואס די שכינה האט דארט געדארפט קומען רועהן, האבן משה און אהרן געציטערט אפשר צוליב די השראת השכינה וועט אויסברעכן א מגיפה און די גדולי ישראל וועלן שטארבן (זעה רש"י שמות כט מג). ווייל קטורת וואס ווערט געטון אינדרויסן פון משכן קען אפשטעלן א מגיפה, אזוי ווי אהרן האט געטון אפשטעלן די מגיפה וואס איז געקומען צוליב קרח (במדבר יז יא), דעריבער איז משה צוזאמען מיט אהרן אריין אין אוהל מועד: "ללמדו על מעשה הקטרת" - לערנען צוזאמען די פרשה פון קטורת, און געדאוונט אז דאס לערנען זאל גערעכנט ווערן ווי זיי וואלטן עס מקטיר געווען אינדרויסן, עס זאל קענען אפהאלטן די מגיפה, און די השראת השכינה זאל נישט צוברענגען עס זאל אויסברעכן א מגיפה צווישן כלל ישראל. ווייל דער וואס לערנט די פרשה פון קטורת רעכנט אים די תורה כאילו ער האט באמת מקיים געווען (זעה מנחות קי א).

'חתם סופר'

### קיינמאל נישט אויפהערן פון דאווענען

"וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל אֹהֶל מוֹעֵד וַיֵּצְאוּ וַיְבָרְכוּ אֶת הָעָם וַיֵּרָא כְבוֹד ה' אֶל כָּל הָעָם" (ט כג)

"כיון שראה אהרן שקרבו כל הקרבנות ונעשו כל המעשים ולא ירדה שכינה לישראל, היה מצטער ואמר: יודע אני שכועס הקדוש ברוך הוא עלי ובשבילי לא ירדה שכינה לישראל... מיד נכנס משה עמו ובקשו רחמים וירדה שכינה לישראל" (רש"י, ע"פ תורת כהנים מכילתא דמילואים יט).

פון דא קען מען זיך לערנען אז אויך נאכן טון אלע ערליי השתדלויות און מ'איז נאכנישט געהאלפן געווארן, זאל מען נישט זיין בייז זיך אזוי געפאלן, נאר ווייטער דאווענען און די ישועה וועט אין ענדע קומען.

'אור תורה' [לר"ש מאנן]

### א ברכה און אמן

אין פרשת שמיני זענען דא צ"א פסוקים אזוי ווי די גימטריה פון אמן. אויסער דעם, די פרשה ענדיגט זיך מיט הלכות פון כשר'ע עסנווארג, און אויך 'מאכל' איז גימטריה 'אמן' - אונז צו לערנען אז עס נישט גענוג מיר זאלן זיין צופרידן מיט זאגן א ברכה אויפן עסן, נאר מיר דארפן זיך משתדל זיין אז שטענדיג זאל זיין ווער ס'זאל ענטפערן אמן נאך אונזערע ברכות.

און מ'קען נאך צולייגן: דער סימן וואס איז געגעבן געווארן במסורה אויף די צאל פון די פסוקים פון די פרשה איז 'עבדיה', און דאס איז אויך מרמז אז דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן 'אמן' ווערט געשטארקט זיין אמונה און ווערט א עבד י-ה.

נשיא 'בני אמונים' הרב יעקב דוב מארמארשטיין

### 'עשה למען שמך... למען יחלצון ידידיך'

"וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' לֵאמֹר בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ וְעַל פְּנֵי כָל הָעָם אֶכָּבֵד וַיִּדֹּם אַהֲרֹן" (י ג)

"כשהקדוש ברוך הוא עושה דין בצדיקים מתיירא [האבן זיי מורא פון אים] ומתעלה ומתקלס. אם כן [נוהג] באלו כל שכן ברשעים" (רש"י, ע"פ זבחים קטו ב).

רבי אברהם יצחק שיין ר"מ אין ישיבת תפארת ירושלים זאגט:

ווייל דעם אייבערשטנ'ס נאמען ווערט געהייליגט אין די צייט וואס ער איז מדקדק מיט די צדיקים און שטראפט זיי אויך אויף א קליינע זינד וואס זיי האבן געטון, ווענן דעם ביי די תפילה 'אלוקי נצור' נאך וואס מיר בעטן: "עשה למען קדושתך", לייגן מיר צו דעם פסוק (תהלים ס ז): "למען יחלצון ידידיך...", אז דעם אייבערשטנ'ס נאמען זאל געהייליגט ווערן דורך דעם וואס ער וועט ראטעווען זיינע פריינד די צדיקים פון אלעם שלעכט'ס, און נישט חלילה דורך די הסתלקות פון צדיקים.

'ברכת איש'

### צוויי וועגן אין א תפילה פון א צדיק

"דָּרֹשׁ דָּרַשׁ מֹשֶׁה וְהִנֵּה שֹׂרָף" (י טו)

**רבי צבי יצחק אבראמאוויטש** דער רב פון די חסידישע קווארטל אין חצור וואס געפונט זיך אין די גליל געגענט טייטש:

די חכמים זאגן (ברכות לב ב) אז די 'חסידים הראשונים' האבן יעדן טאג געווידמעט ניין שעות אויף דאווענען - דריי שעות פאר יעדע תפילה פון די דריי תפילות; פארן דאווענען האבן זיי זיך געגרייט איין שעה, נאך א שעה אויף די דאווענען אליין, און נאך א שעה האבן זיי זיך אויפגעהאלטן נאכן דאווענען. וואונדערן זיך די חכמים: "וכי מאחר ששוהין תשע שעות ביום בתפילה, תורתן היאך משתמרת?" און זיי ענטפערן, ווייל זיי זענען געווען חסידים האבן זיי געהאט א ספעציעלע סייעתא דשמיא זיי זאלן נישט פארגעסן וואס זיי האבן געלערנט.

דער ענין איז מרומז אין אונזער פסוק; "דרש דרש משה" - טראץ וואס דער צדיק פארמערט צו דאווענען ['דרישה' איז א לשון תפילה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים לו ה): "דרשתי את ה' ועני" (רמב"ן בראשית כב כה)], פון דעסוועגן: "והנה שרף" - איז אותיות 'פרש' - זיין תורה איז פאר אים קלאר.

נאך טייטש ער: די משנה (שם לד ב) דערציילט אויף רבי חנינא בן דוסא אז ווען ער האט געדאוונט אויף קראנקע פלעגט ער זאגן ביי די ענדע פון זיין דאווענען: "זה חי וזה מת", און האט ערקלערט: "אם שגורה [קלאר] תפילתי בפי יודע אני שהוא [ד.מ. דער קראנקער] מקובל, ואם לאו יודע אני שהוא מטורף [ער וועט שטארבן]". דאס איז אויך מרומז אין די פאלגנדע פסוק: "דרש דרש משה", דער צדיק קען אונטערשיידן צווישן 'דרש' און 'דרש' - צווישן א תפילה וואס איז קלאר אין מויל צו א תפילה וואס איז נישט קלאר, און דורך דעם: "והנה שרף" - 'פרש' איז אים קלאר צי די תפילה איז אנגענומען געווארן אדער נישט.

'טעם הצבי'



דעם קומענדיגן דינסטאג הבעל"ט א' אייר געפאלט אויס די יארצייט
פון הגה"ק רבי **שמואל שמעלקא פון ניקלשבורג** זי"ע.
דער גאון רבי צבי יחזקאל מיכלזאהן דער פלונסקער רב שרייבט (זיין בריוו איז געדרוקט אין זיין ספר 'אהל יצחק' דף לה) וואס ער האט געהערט פון א פארלעסליכן מקור אז דער רבי ר' שמעלקא האט אויף זיך עדות געזאגט בעפאר זיין פטירה **אז ער האט שטענדיג אכטונג געגעבן נישט זאגן א ברכה נאר אויב עס איז געווען ווער עס האט געהערט די ברכה און געענטפערט אמן, ווייל דער מלאך וואס ווערט באשאפן פון די ברכה איז נישט בשלימות נאר דורך ענטפערן אמן אויף די ברכה.**

"בני אמונים" - אמן אויף יעדע ברכה

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## 'יהי רצון' נאך די ברכות השחר (ד)

### דער שטן וואס פארדארבט דעם מענטש

די בקשה גראטעוועט ווערן "משטן המשחית" ערקלערט דער רוקח (פירושי סידור התפילה לרוקח ח"א עמ' טז):

ווען הקב"ה וויל גוט'ס טון מיט א מענטש, שטעלט זיך דער שטן אוועק און זאגט: "רבונו של עולם, אומזינסט גייסטו אים געבן גוט'ס אן אים שטעלן פון פריער א נסיון צי ער איז ראוי צו דעם?" ווען ער באקומט די ערלויבעניש צוברענגען א נסיון אויפן מענטש נעמט ער די שליסלען פון תאוות און פרובירט צורעדן דעם מענטש ער זאל קאליע מאכן. דעריבער בעטן מיר אז דער אייבערשטער זאל אונז ראטעווען, דער שטן זאל אונז נישט קענען צורעדן מיר זאלן פארדארבן.

נאך טייטש מען די בקשה לויט וואס די חכמים שילדערן וואס דער שטן טוט (ב"ב טז א): "ער קומט אראפ אויף דער וועלט און פארדרייט דעם מענטש, און גייט ארויף און ערוועקט אויף אים מידת הדין, ער נעמט רשות צו קענען טויטן דעם זינדיגער און נעמט צו זיין נשמה". אין אנהייב האבן מיר געבעטן מיר זאלן גראטעוועט ווערן "מיצר הרע" - ער זאל אונז נישט צורעדן זינדיגן, און יעצט לייגן מיר צו א בקשה אז אויך אויב דער יצר הרע האט אונז צוגערעדט זינדיגן חלילה, זאלן מיר גראטעוועט ווערן פון זיין קטרוג ער זאל נישט פארדארבן אונזער לעבן ('מעון הברכות' ברכות טז ב).

נאך זענען דא וואס טייטשן די בקשה מיר זאלן גראטעוועט ווערן פון 'שטן המשחית', כאטש מיר האבן שוין געבעטן ניצול ווערן פונעם יצר הרע, דארף מען ווידמען א עקסטערע בקשה מיר זאלן גראטעוועט ווערן 'שטן המשחית', ווייל די חכמים זאגן דאך (ב"ק ס א): "כיון שניתן רשות למשחית, אינו מבחין בין צדיקים לרשעים; ולא עוד, אלא שמתחיל מן הצדיקים תחילה". וועגן דעם בעטן מיר מיר זאלן נישט געשעדיגט ווערן פון דער שטן וואס קומט אראפ שטראפן די רשעים ('האר עינינו' ברכות שם).

אבער עס זענען וואס ערקלערן אז די בקשה 'ומשטן המשחית' מיינען מיר נישט דעם יצר הרע, נאר א מענטש מיט פארדארבענע מידות וואס שטענדיג קען ער שעדיגן. אזא מענטש ווערט אנגערופן אין פסוק מיטן נאמען 'שטן', אזוי ווי עס שטייט (מלכים א' יא יד): "וַיָּקֶם ה' שָׂטָן לִשְׁלֹמֹה אֵת הֲדַד הָאֲדֹמִי מִזֶּרַע הַמֶּלֶךְ הוּא בֶּאֱדוֹם", און מיר בעטן פון השי"ת ער זאל אונז ראטעווען פון אזא מענטש (סידור 'צלותא דאברהם' עמ' סד).

### דער שטן האט פארדארבן זיין וועג

נאך זענען דא וואס טייטשן אז דער ווארט 'משחית' איז א טייל פון די צונעמען פון דער שטן - 'שטן המשחית', און זיי וואונדערן זיך פארוואס רופן מיר אים אן אזוי, דאס איז דאך דער ציל פון זיין באשאפן, ער זאל ברענגען נסיונות אויפן מענטש?

אבער, עס איז באקאנט דער מאמר פון 'בעל שם טוב' אויף וואס תוס' שרייבט אויף די גמרא (שבת עה א) אז א שוחט איז חייב צוליב צובע: "אשוחט דעלמא קאי", אז תוס' מיינט דעם יצר הרע וואס ווערט אנגערופן 'שוחט דעלמא', וואס זיין שטראף וועט זיין נאר צוליב "צובע". ווייל עס קומט אים נישט קיין שטראף אויף דעם וואס ער האט צוגערעדט טון עבירות, נאר אויף דעם וואס ער האט צוגעלייגט און 'געפארבט' די עבירות זיי זאלן אויסזען ווי מצוות און די מצוות ווי עבירות, און דורך דעם שטרויכלט ער דעם מענטש מער פון וואס ער איז באפוילן געווארן.

לויט דעם קען מען זאגן אז וועגן דעם רופן מיר אים אן מיטן טיטול 'משחית', ווייל ער האט פארדארבן און געענדערט זיין ציל, און אנשטאט ער זאל אויספירן זיין שליחות אזוי ווי ער איז באפוילן געווארן, פאפט ער אויס דעם מענטש צו טון 'מצוות' וואס אין אמת'ן זענען זיי עבירות (חידושי 'בנין צבי' עמ' לה).

### וואס איז 'דין קשה', און ווער איז 'בעל דין קשה'

דער בעל 'סדר היום' (ברכת השחר) ערקלערט אז דאס וואס מיר בעטן ניצול ווערן "מדין קשה", ד.מ. עס זאל נישט זיין צווישן אונז מיט אנדערע א ויכוח וואס וועט שווער זיין פארן בית דין צו קענען ריכטיג מברר זיין. "ומבעל דין קשה" - מיינט א פארקרומטער בעל דין וואס פאלגט נישט די דיינים [אזוי ווי רש"י טייטש (סנהדרין ו ב ד"ה קשה) בעל דין קשה, "בעל מריבה מטריח דיינין"]. אבער עס זענען דא וואס טייטשן אז די בקשות ניצול ווערן פון "מדין קשה ומבעל דין קשה" זענען ווי א תפילה פאר די דיינים, עס זאל נישט קומען צו זיי אזא שווערער דין אדער בעל דין, ווייל רבי יהודה הנשיא וואס האט מחבר געווען די תפילה איז געווען דער נשיא, און אסאך פלעגן קומען צו אים אויף דיני תורות (פירוש 'עיון תפילה' שבסידור 'אוצר התפילות').

אויב חלילה וועט די תפילה נישט אנגענומען ווערן, קענען מיר צוקומען צו גזל - אויב אונזער בעל דין איז א "בן ברית", אדער צו חילול ה' - אויב אונזער בעל דין איז "אינו בן ברית". און אין 'עץ יוסף' (בסידור 'אוצר התפילות') ערקלערט ער אז אויך פון איינער וואס איז "אינו בן ברית" דארף מען חושש זיין פון גזל, ווייל אויך פון א גוי טאר מען נישט גזל'ענען, אזוי ווי דער רמב"ם פסק'נט (גניבה ז ח).

נאך ערקלערט מען אז די געבעט "מדין קשה" גייט נישט ארויף אויף א וויכוח וואס קומט פאר אין בית דין, נאר שווערע פריוואטע צווייפלונגען, וואס אויך נאכן אנקומען צו א באשלוס, קלאפט אים דאס הארץ אפשר איז עס נישט א ריכטיגע באשלוס. "ומבעל דין קשה" - דאס מיינט פירן א שמועס מיט א מענטש וואס איז נישט באזעצן און זיין הארץ איז פול מיט צווייפלונגען; סיי פון "בן ברית" - ד.מ. אין עניני אמונות ודעות, און סיי ספיקות פון "שאינו בן ברית" - וואס לייקנט אפ די תורה (פירוש 'שיח יצחק' שבסידור הגר"א).

אין 'עולת תמיד' (פרק י) שטייט אז דא דארף מען אויך אינזין האבן אויף די 'דין קשה' וואס ווערט נתעורר יעדן טאג צווישן אונז און יצר הרע, מיר זאלן מצליח זיין זיך שטארקן און געוועלטיגן אויף אים זיך פירן אלעס נאר על פי תורה, און דורך דעם ניצול ווערן פון דין שמים.

### ומדינה של גיהנם

דער 'סדר היום' (סדר ברכות השחר) ערקלערט אז די כוונה איז נישט מיר זאלן גראטעוועט ווערן פון די גהינם אליין, נאר פון זינד וואס אויף דעם איז דער שטראף גהינם, און פירט אויס: "דאס וואס קומט ארויס פון אלע אונזערע בקשות, יעדן אינדערפריה זאלן מיר בעטן פון באשעפער: מיר זאלן זיך נישט אוועק רוקן פון די גוטע וועג, נאר מיר זאלן קענען טון זיין ווילן אגאנץ לעבן, און קיין שטרויכלונג זאל נישט ארויסקומען פון אונז".

אבער אין שו"ת 'תורה לשמה' (סי' תטז) האט ער פארשטאנען אז מיר בעטן יא מיר זאלן גראטעוועט ווערן פון די גיהנם אליין, און וועגן דעם פרעגט ער: וויאזוי אין די בקשה פון די 'יהי רצון' וואס איז אוועקגעשטעלט אויף פאסירונגען פון יעדן טאג [אזוי ווי דער לשון איז 'שתצילנו היום ובכל יום'], לייגן מיר אריין א בקשה מיר זאלן ניצול ווערן פון גהינם וואס איז נאר נאכן שטארבן?

ענטפערט ער: דער זינדיגער, נאך זייענדיג ביים לעבן נעמט ער אראפ געוויסע חלקים פון זיין זעל וואס ווערט איינגעזינקען אין גיהנם לויט די בחינה פון זיינע זינד, און וועגן דעם בעטן מיר פון השי"ת ער זאל אונז ראטעווען פון גיהנם עס זאל נישט פארפאלן ווערן אין גיהנם קיין שום טייל פון אונזער זעל נאך ביים לעבן.

**ומשטן המשחית** - פון דער שטן וואס וויל אונז איינרעדן מיר זאלן פארדארבן אונזער וועג, **מדין קשה** - עס זאל נישט ערוועקט ווערן צווישן מיר און א צווייטן א שווערע געריכט, וואס ברענגט צו פלאג פארן בית דין ווען זיי קענען נישט ריכטיג אויסקלארן דאס בילד **ומבעל דין קשה** - א פארקרומטער וואס פאלגט נישט די דיינים **בין שהוא בן ברית** - סיי אויב ער איז א איד, **ובין שאינו בן ברית** - און סיי א גוי, **ומדינה של גיהנם** - פון זינד וואס ברענגען צו דעם מענטש זאל געשטראפט ווערן אין גיהנם.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## 'בקרובי אקדש'

יאר תרפ"א. די צייט פון ערב שבת קודש נאכמיטאג. אט שפרייט שוין אויס די הייליגע שבת אירע פליגלען העכער די הייזער פון די הייליגע שטאט ירושלים, סיי די וואס זענען אינעווייניג אין די חומה, אין אלט שטאט, און סיי די וואס זענען אינדרויסן. די רויטע דעכער הייבן אן צו שיינען, און די האריזאנט ווערט שוין פארטונקלט.

פון די פענסטער פון א הויז אין די 'משכנות ישראל' געגענט, פון די ערשטע נייע געגענטער וואס זענען געבויעט געווארן אינדרויסן פון די חומות פון די אלט-שטאט, זעט זיך ארויס די איידעלע געשטאלט פון די רעביצין מרת צפורה חנה, די פרוי פונעם באקאנטן ירושלים'ער צדיק רבי אריה לעווין, ווי זי דעקט צו איר געזוכט מיט די הענט, און די קוואל פון אירע טרערן רינט אן א אויפהער.

יעדן שבת פלעגן די שטוב מענטשן שטיין פארגאפט קוקנדיג אויף זייער מאמע די צדיקת, וואס אויף איר האט מען געזאגט: ווער עס האט נישט געזען איר דאווענען, איבערהויפט בשעת'ן צינדן די שבת-ליכט, האט קיינמאל נישט צוגעזען א ריכטיגע דאווענען. אבער יעצט האט איר דאווענען גענומען דאפלט צייט. דעם שבת האט זי גדאוונט, געבעטן און געלאזט טרערן אויף איר זון אברהם בנימין, זייער קליין קינד וואס איז געליגן אין זיין קליין-בעטל אין די ווינקל פון צימער, ווען זיי קערפער איז מאגער און זיין פנים איז בלאס אן קיין צייכן פון לעבן.

די פאסירונג איז געווען אין די ערשטע יארן נאך די ערשטע וועלט'ס קריג, ווען דער גאנצער וועלט איז פארנומען געווען צו היילן די וואונדן פון די קריג, צוריק אויפבויען די אלע חורבנות און די עקאנאמיע. די נייע ישוב אין ירושלים וואס האט קיינמאל נישט געוואוסט פון זעטיגקייט, האט זיך דעמאלטס געפונען אונטער הונגער און עפידעמיע'ס. אסאך קינדער זענען נעבעך אוועק דורך פארשידענע מגיפה'ס און קראנקייטן, וואס צוליב די נאכגעלאזטע מצב וואס האט געהערשט אין ירושלים נאך די קריג, האבן זיי זיך צושפרייט זייער שנעל פון הויז צו הויז, און איינס פון די פארשידענע עפידעמידע'ס האט יעצט אנגעטראפן דעם קליינעם אברהם בנימין.

די הארץ פון די מאמע איז אויסגעגאנגען אויף איר קינד, וואס טראץ זיין יונגן עלטער האט מען אויף אים שוין געקענט זען אז ער וועט אויסוואקסן מער וואו געוועגליך, אבער זי האט נישט געקענט העלפן. דער דאקטער וואס איז גערופן געווארן צו זייער שטוב א קורצע צייט בעפאר שבת האט באשטעטיגט אז ער איז שטערבערליך קראנק, און ער האט נישט קיין מיטל אים צו העלפן, און פאר די עלטערן איז איבערגעבליבן איין זאך 'דאווענען'. די 'פאך' פון דאווענען האט די מאמע גוט געקענט, און יעצט, אין די ספעציעלע און מסוגל'דיגע צייט ווען די שבת קומט אריין, האט זי ווידער געבעטן מיט זודיגע טרערן: "איך בעט דיר אייבישטער, שיק א רפואה שלמה פאר מיין זון אברהם בנימין בן צפורה חנה".

יענעם שבת ביינאכט האט די איבערגעגעבענע מוטער נישט אפגעלאזט דעם תהלים'ל. פון צייט צו צייט איז זי צוגעגאנגען צו זיין בעט און פרובירט אריין טראפן אין זיין מויל אביסל ציגן-מילך וואס זי האט געקויפט מיט אירע לעצטע פיאסטער, אבער די קרענק האט זיך געשטארקט, אין שבת פארטאג'ס האט דאס קינד צוריק געגעבן זיין נשמה צום באשעפער.

יעצט שטייט די רעביצין נעבן די בעטל פון איר באליבט-קינד ווען זי בייסט אירע ליפן. "היינט איז שבת קודש!" האט זי געהערט א אינערליכע שטימע, שבת קודש מעג מען נישט וויינען - האט זי געוואוסט, און מיט איבערמענטשליכע כוחות האט זי פארמאכט אירע ליפן און אפגעהאלטן איר געוויין. אויב דאס איז נישט גענוג, האט זי אויך אלעס געטון צו מחזק זיין די גאנצע פאמיליע, טרייסטן און מוטיגן, ווען פון מאל צו מאל דערמאנט זי פאר זיי אויף א פרידליכן וועג אז "היינט איז שבת!". אויך פאר די שכנ'טעס וואס האבן עטליכע מאל געקלאפט אויף די טיר פרעגן וואס טוט דאס קינד האט זי גארנישט דערציילט, עס איז דאך היינט שבת, און איר איז גארנישט איינגעפאלן אז אין שבת זאל זי צוברענגען צער פאר אנדערע.

אין יענעם שבת האט זיך ארויסגעהערט די זמירות פון די הויז פון רבי אריה אזוי ווי אלע פריערדיגע שבתים, ביי די מיטאג סעודה, און אויך ביי סעודה שלישית.

נאר ווען עס איז געווארן מוצאי שבת האט די רעביצין זיך ערלויבט אויסברעכן אין א ביטערליכן געוויין און קלאגן אויף די פטירה פון איר באליבט קינד.

דער קינד איז נישט געווען דאס איינציגסטע קינד וואס רבי אריה און זיי רעביצין האבן פארלוירן. דריי קינד זענען שוין נפטר ביי פארשידענע מגיפות און הונגער וואס זענען געווען אין ירושלים אין די יארן פון די ערשטע וועלט'ס קריג, אבער זיי האבן שטענדיג מקבל געווען די מדת הדין מיט א זעלטענע גבורה. מיט די ווערטער: "ה' נתן וה' לקח יהי שם ה' מבורך", האבן זיי זיך געטרייסט צוזאמען מיט זייער הויזגעזונד, אויך ווען זיי האבן געכאפט קלעפ איינס נאכן צווייטן.

נאר יעצט, ווען דער קליינער אברהם בנימין איז נפטר געווארן, אין די עלטער פון איינ'ס און א האלב יאר, איז זיי זייער שווער אנגעקומען זיך צו טרייסטן נאך אים. אברהם בנימין איז באקאנט געווען אלץ א וואונדער-קינד וואס האט געזאלט אויסשטייגן זייער גרויס. באלד ווען ער איז געבוירן געווארן האבן אלע געפילט אז די גאנצע הויז איז ליכטיג געווארן. אין עלטער פון געציילטע חדשים האט ער אנגעהויבן רעדן, און ווען ער איז אביסל גרעסער געווארן איז זיין פארשטאנד געווען ווי פון א גרויסער יונגל. אלץ בעבי' פון ניין חדשים האט ער שוין געזאגט א ברכה 'שהכל' פארן עסן. דאס אלעס האט זיין פאטער דער צדיק דערציילט ביי זיין הספד אויף אים. זיי האבן פארמאגט א גרויסער אוצר, און יעצט איז ער פלוצלינג אוועק געריסן געווארן.

די קומענדיגע וואך האט די הויז געווירבלט פון מענטשן וואס זענען געקומען טרייסטן. אין איינע פון די 'שבעה' טעג זענען געקומען צוויי פרויען, וואס זענען נארוואס ארויף געקומען פון רוסלאנד, און די פאמיליע לעווין האט אסאך געטון פאר זיי, זיי האבן געוואלט טרייסטן די רעביצין, אבער צו זייער וואונדער האבן זיי באמערקט אז די רעביצין האט אינגאנצן נישט אין אכט גענומען אז זיי זענען אריינגעקומען אין צימער. אין יענע צייט האט זי געהאלטן אינמיטן דאווענען מנחה, אויף איר פנים האט זיך אנגעזען א רואיגקייט, כאילו זי געפונט זיך יעצט אין נארמאלע טעג, און זי האט אויסגעגאסן איר הארץ מיט געפיל און דביקות פארן באשעפער.

די פרויען האבן זיך אראפגעזעצט אויף א באנק אין צימער און נישט אראפגענומען זייערע אויגן פון די געשטאלט פון די רעביצין וואס איז פארטיפט געווען אין איר דאווענען. "קיינמאל האב איך נישט געזען אזא סארט דאווענען" - האט איינע ארויסגעברענגט איר באגייסטערונג אין די אויערן פון איר חבר'טע, "ריכטיג!" - האט די אנדערע צוגעשטימט, אבער באלד געזאגט שטילערהייט, ווען זי באנוצט זיך מיט די רוסי'שע שפראך: "זאג מיר, זי זעט אויס צו זיין ביים זינען?! וויאזוי קען זי זיין אזוי רואיג און דאווענען מיט כוונה אויך אין די טעג וואס זי זיצט שבעה אויף איר קליין קינד?". אינצווישן האט די רעביצין געענדיגט דאווענען, און די פרוי האט צוגעשאקלט מיטן קאפ, ווי איינע וואס זאגט: עס זעט טאקע אזוי אויס, די גרויסע צער האט צוגעברענגט אז די רעביצין זאל פארלירן איר נארמאלקייט...

זיי צוויי האבן נישט געוואוסט אז די רעביצין קען גוט רוסי'ש, זי איז דאך געבוירן געווארן אין קאוונע. האלטנדיג אינמיטן די תפילה 'אלוקי נצור' האט זי געהערט זייער שטילע שמועס, און יעצט האט זי אויסגעדרייט איר בלאסע געזיכט צו אירע געסט און זיך אנגערופן מיט א שטילע שטימע: "איך בין ביים זינען, טייערע פרויען, אבער דווקא וועגן דעם בין איך מקבל אויף מיר דעם גזר דין באהבה. אויב וואלט איך זוכה געווען וואלט מיין זון באלויכטן די וועלט אין די ישיבה של מטה, אז איך האב צו דעם נישט זוכה געווען - וועט ער לערנען מיט די הייליגע מלאכים אין ישיבה של מעלה".

די פרויען האבן אראפגעבויגן זייערע קעפ פארשעמטערהייט. פון שטענדיג אן האבן זיי געהערט איבער די גרויסקייט פון די רעביצין, אבער נאר יעצט האבן זיי ריכטיג געקענט אפשאצן ווי גרויס זענען אירע מדריגות. אזאנ'ס האבן זיי נאך קיינמאל נישט באגעגנט אין זייער לעבן.

'אהל משה' שמיני

עיצובים shay